# די גרויסע דיסקוסיע אויף דער מזרחי קאָנווענשאָן

פון
הרב אהרן ב. שורין

**זי איז ערשט אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין לאָנג ביטש. — די רעדעס פון גאון, רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק, מיניסטער יוסף בורג און וויצע־מיניסטער, יצחק רפאל. — אײַנדרוקען פון דער קאָנווענשאָן.**

די ערשט אָפּגעהאַלטענע קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַנער מזרחי הפועל המזרחי אין דעם פּראָמענאַד האָטעל אין לאָנג ביטש, נ. י., האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך איין גרויסע און טיפע אידעאָלאָגישע דיסקוסיע וועגען דער ראָלע, וואָס מדינת ישראל שפּילט אין דאַרף שפּילען אין דעם היינטיגען אידישען לעבען.

די דיסקוסיע, וועלכע איז געפירט געוואָרען אויף זעהר אַ הויכען אינטעלעקטואַלען ניוואָ פון באַרימטע פערזענליכקייטען פון אַמעריקע און פון מדינת ישראל, האָט מיטגעריסען דעם ריזיגען עולם, וועלכער האָט דערביי געהאַט אַ גרויסען גייסטיגען גענוס און האָט פון די דיסקוסיעס פיל געלערענט.

די הויפּט־רעדנער אין דער דאָזיגער דיסקוסיע זיינען געווען: דער באַרימטער גאון און געלערענטער, רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק, פון באָסטאָן און ראש ישיבה פון ישיבת רבי יצחק אלחנן; דר. יוסף בורג, מיניסטער פון סאָציאַלען וואוילזיין און דר. יצחק רפאל, וויצע מיניסטער פון געזונדהייט און הרב מרדכי קירשבלום, פּרעזידענט פון מזרחי אין אַמעריקע (הרב קירשבלום׳ס רעדע איז שוין געווען געדרוקט פריהער).

לאָמיר דאָ באַלד צוגעבן, אַז די גאַנצע שטימונג פון דער קאָנווענשאָן איז געווען, הויפּטזעכליך, באַזירט אויף די שטורמישע געשעהענישען, וואָס זיינען געשעהן אין דער לעצטער צייט סאַי אין מדינת ישראל און סאַי אין אַמעריקע. אין קורצען: דער לעצטער ניט ערוואַרטעטער ברודער־קאַמף צווישען די רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע אין ישראל, איבער דער פראַגע פון חילול שבת, מיסיאָן און די טריפה׳־נע קיך, וואָס די שיף געזעלשאַפט צי״ם בויט איצט אויף דער לוקסוס־שיף, „שלום“.

אָט די אַלע פּראָבלעמען האָבען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט ווידער אַוועקגעשטעלט פאַר דעם רעליגיעזען אידענטום די פראַגע פון זייער שטעלונג צו די [illegible] פון דער מדינה. און די מזר״חי קאָנווענשאַן איז אין דעם פרט ניט געווען קיין אויסנאַם.



הרב יוסף בער סאָלאָווייטשיק

שאַפט צי״ם, און אפילו אויף „אל על“, אויב די ישראל רעגירונג וועט אין דער פראַגע ניט נאָכגעבען.

איך בין זיכער, אַז הרב סאָלאָווייטשיק האָט דאָס מאָל גערעדט אַזוי שאַרף, טאַקע אַנדערש ווי אַלע מאָל, בכדי צו באַווייזען דער ישראל רעגירונג ווי טיף עס ווערהטאָגט איבער די אַלע זאַכען דער היסטאָרישער תורה איד, וואָס האָט טאַקע ליב ארץ ישראל און מדינת ישראל ניט ווייניגער ווי די אַלע, וואָס פאַרשטעהען נאָר קרעמערישע חשבונות.

הרב סאָלאָווייטשיק האָט מיט ניט ווייניגער שאַרפקייט און פאַרביטערונג אויך גערעדט וועגען דער פראַגע פון מיסיאָן אין מדינת ישראל. און ער האָט פון דער קאָנווענשאָן פלאַטפאָרמע זיך געווענדעט צו דער ישראל רעגירונג, דורך די חשוב׳ע ישראל געסט, ווי אויך דורך דעם חשוב׳ען אַמבאַסאַדאַר הארמאַן, אַנצונעמען אַ געזעץ צו פאַרמיידען מיסיאָנערישע טעטיגקייטען אין ישראל, און ער האָט אויך געבעטען איבערגעבען די שטימונג פון די אַמעריקאַנער רעליגיעזע אידען צו אַ סך אַנדערע אַנגעווערהטאָגטע פראָבלעמען.

הרב סאָלאָווייטשיק׳ס צוויי שעה׳דיגע רעדע, וועלכע האָט געבליצט מיט גאונ׳ישע געדאַנקען, האָט אויפגעשטורעמט די קאָנווענשאָן און אַן אָפּקלאַנג פון דעם הערט זיך שוין אויך איבערן לאַנד און אין מדינת ישראל.

נאָך אַזאַ רעדע קאָן מען זיך שוין פאַרשטעלען מיט וואָס פאַר אַ שפּאַנונג דער עולם האָט ערוואַרט די קומענדע רעדעס פון די צוויי חשוב׳ע ישראל געסט: מיניסטער בורג און וויצע־מיניסטער, רפאל.

און לאָמיר דאָ צוגעבען, אַז די

בײַרט נקמס דר. יצחק רפאל. וועל־

האָט מיניסטער בורג געגעבען צו פאַרשטעהן דעם ריזיגען קאָנווענשאָן עולם, אַז ניט שטענדיג קאָן די ישראל רעגירונג לייזען פּראָבלעמען אַזוי לייכט ווי עס שטעלען זיך פאַר אידען פון אַ גאַנץ יאָר. און אויך ניט אַזוי לייכט געהען ישראל מיניסטאָרען צו אַן אָפּשטימונג אין דער רעגירונג וועגען געוויסע שווערע פּראָבלעמען. און דאָס איז אַזוי, ווייל די ישראל רעגירונג האָט אין חשבון ניט נאָר די אידן פון ישראל, נאָר טאַקע אויך די אידן פון דער וועלט. ער האָט דערביי דערצעהלט, אַז יענע נאַכט פאַר דער אָפּשטימונג וועגען די דייטשישע רעפּאַראַציעס געלטער, האָט ער ניט צוגעמאַכט אַן אויג. אַ גאַנצע שלאָפלאָזע נאַכט האָט ער זיך מתיחד געווען מיט זיינע ספרים, און האָט אין זיי פיל געלערענט און פיל געטראַכט. און דר. בורג האָט צוגעגעבען, אַז די גרעסטע אידישע נקמה געגען זייערע רוצחים איז, וואָס אידען האָבען געקענט דערלעבען צו דער אידישער מדינה. און אַזוי אַרום איז דאָס נעמען דאָס געלט פון דייטשלאַנד אויך אַ טייל פון דז[illegible]י זעלבער נקמה, און דעריבער האָט ער באַשלאָסען צו שטימען פאַר די שילומים געלדער.

דר. בורג האָט אויף אַ שפּילעוודיגען אופן צוגעגעבען, אַז ווען מיר טראַכטען שטענדיג וועגען דער ,סטעיט אָוו דהי יוניאָן׳, מוזען מיר אויך גלייכצייטיג טראַכטען וועגען ,דהי יוניאָן אָוו דהי סטעיט׳ און דאָס מיינט, אַז מען דאַרף מיט אַ סך

(שלוס אויף זייט 3)



מיניסטער יוסף בורג



וויצע מיניסטער יצחק רפאל

